# אַ יתומל לאַכט.

אַ יתומל לאַכט אין צעריסענע בגדים,
שרעקט זיך און לויפט איבער גאַסען און געסלעך.

האָט עפּעס געגנבעט,
יאָגט מען אים נאָך.
ער טאַנצט דורך אַ פּאַרקאַן, קוקט זיך אַרום:

אַ שטאָ, אַ קאַלב. אַ קאַלב מיט צוויי אויגען;
זיי, דאַכט זיך, דערציילען: די קי איז נישטאָ,
די גרויסע ברוינע מאַמע נישטאָ.
אַ בודע. אַ הונט. אַ הונט מיט צוויי אויגען;
עס דאַכט זיך זיי שרייען: מע האָט אונדז געשלאָגען,
גאָט, מע האָט אונדז געשלאָגען!

ציטערט דער קליינער
און וויקעלט און וויקעלט דאָס בייטעלע אויף:
אַ שפּיגעלע—ברילען—אַ קופּערנע דיטקע.

פּיו-או-או-או!
פּלי-י-י-ין!

דאָס גנבל שפּילט זיך מיט דעם ווינט און די וואָלקען
און שענקט זיי מזומן:
אַ שפּיגעלע, ברילען, אַ קופּערנע דיטקע.

און לאַכט, לאַכט
שטייט און לאַכט.

פּאַקט מען אים דאָ.
און ער שפּרינגט דורכן פּאַרקאַן און לויפט,
אַ יתום אין צעריסענע בגדים,
דורך דעם טאָג, דורך דער גאַס, דורך דער וועלט.

אַ יתומל לאַכט

רינגען (וואַרשע, 1921–1922)

באַנד I, [העפֿט V–VI, סעפּטעמבער], 1921, ז׳ 208